בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט די זכיה צו הערן פונעם ראש ישיבה שליט"א, ליל שבת קודש פרשת תצא, תשפ"א לפרט קטן, אין שטעטל, קרית ברסלב - ליבערטי יע"א, ביים באטע.

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש ברסלב בלומינג גראוו**
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

**נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש**
181 Huschke Rd. Hurleyville, NY 12747
**718-387-2691**

www.BreslevCenter.com

**צו הערן די הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:**

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

גרפיקה עיצוב ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** 05276-27127

## ליל שבת קודש פרשת כי תצא, שנת תשפ"א לפרט קטן, ביים באטע, האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט גאר שיינע דברי התחזקות געבויעט אויף די וואכעדיגע סדרה.

דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעהויבן: דער פסוק זאגט (דברים כד, ט): "זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה ה' אֱלֹקֶיךָ לְמִרְיָם בַּדֶּרֶךְ בְּצֵאתְכֶם מִמִּצְרָיִם", געדענק וואס דער אייבערשטער האט געטון פאר מִרְיָם אויפ'ן וועג ווען איר זענט ארויסגעגאנגען פון מִצְרַיִם, אז מִרְיָם איז געווארן קרעציג ווייל זי האט גערעדט לָשׁוֹן הָרַע אויף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ. דאס איז איינע פון די 'שֵׁשׁ זְכִירוֹת' וואס מען זאגט יעדן טאג נאכ'ן דאווענען פאר 'אֲנִי מַאֲמִין', אז א איד זאל דאס שטענדיג געדענקן.

דארף מען אבער פארשטיין, מילא אלע אנדערע זְכִירוֹת - "זְכִירַת יְצִיאַת מִצְרַיִם", "זְכִירַת מַעֲמַד הַר סִינַי", "זְכִירַת מַעֲשֵׂה עֲמָלֵק", "זְכִירַת מַעֲשֵׂה הָעֵגֶל" - זענען פארשטענדליך פארוואס מען דארף דאס געדענקן, ווייל די זאכן זענען די יסודות פון א איד, די זעלבע זאך מצות "זְכִירַת שַׁבָּת" - איז דאך גאר א גרויסע יסוד. די גאנצע זאך פון דעם אז א וואך האט זיבן טעג דאס קומט דאך נאר צוליב דעם אז שבת האט דער אייבערשטער גערוט. פרעג א גוי: 'פארוואס איז א וואך צוזאמגעשטעלט פונקט פון 'זיבן טעג', זאל עס זיין פון 'אכצן טעג' וכדומה?' איך האב שוין געפרעגט די קשיא פון עטליכע מענטשן קיינער האט מיר נישט געהאט וואס צו ענטפערן; נאר דעם אמת'ן ענטפער דערויף איז, ווייל דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט אין זעקס טעג און אין דעם זיבעטן טאג האט ער גערוט, דערפאר איז די וואך צוזאמגעשטעלט פון זיבן טעג.

אבער "זְכִירַת מַעֲשֵׂה מִרְיָם", געדענקן וואס מרים האט גערעדט, - איז שווער צו פארשטיין, פארוואס פעלט אויס דאס שטענדיג צו

געדענקן, מען זאל דאס יעדן טאג דערמאנען? נאר דאס איז אויך זייער א וויכטיגע יסוד פאר'ן מענטש; א מענטש זאל וויסן וואס געשעט ווען מען רעדט אויפ'ן צדיק, מרים האט גערעדט אויף משה רבינו, זי האט טאקע געמיינט גוטס, זי האט געזען אז משה רבינו האט זיך אפגעשיידט פון זיין ווייב, האט זי געוואלט ער זאל נאך האבן קינדער, דערפאר האט זי גערעדט צו אהרן קעגן משה רבינו פארוואס ער האט זיך אפגעשיידט פון זיין ווייב, און פון דעסט וועגן האט זי באקומען א שטראף, זי האט באקומען קרעץ אויף איר גאנצע גוף, דערפאר דארף מען דאס יעדן טאג געדענקן, מען זאל וויסן זיך צו היטן דערפון.

דאס איז וואס מען זעט צומאל מענטשן באקומען אן אויסשלאג אויף די הויט (סערייעסעס, עקזימע), דארף מען זיך דאן מאכן א חשבון הנפש צי האב איך נישט חס ושלום גערעדט קעגן דעם צדיק, ווייל דעמאלט באקומט מען א שטראף פון הימל.

ווען מען הערט איינעם מאכן ליצנות אויף א צדיק דארף מען אנטלויפן פון דעם מענטש, דער מענטש איז פאר דיר א סכנה. ברוך השם ווען איך בין מקורב געווארן צו מוהרא"ש זכותו יגן עלינו האב איך געוואוסט פון דאס שעדליכקייט פון ליצנות, ווי דאס נעמט אוועק דעם מענטש פונעם צדיק, דערפאר האב איך געוואוסט זיך צו היטן פון מענטשן וואס האבן געמאכט ליצנות אויף מוהרא"ש, עס איז מיר נישט אנגעגאנגען צי דער מענטש איז פון די נאנטע מענטשן פון מוהרא"ש אדער פון די ווייטע, אויב האב איך אים געהערט מאכן א דזשאוק אויף מוהרא"ש, האב איך גלייך געוואוסט איך דארף זיך דערווייטערן פון אים. איך האב אמאל געהאט אז איינער איז געקומען צו מיר אינדערהיים און אנגעהויבן מאכן ליצנות אויף מוהרא"ש וכו', זייט דעמאלט רעד איך מער נישט מיט יענעם, איך וויל נישט ער זאל מיר צונעמען מיין לעבן.

די אלע וואס מאכן ליצנות אויף צדיקים עס איז נאר ווייל די מענטשן זענען פגום בברית, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים נה, כא): ״שָׁלַח יָדָיו בִּשְׁלֹמָיו חִלֵּל בְּרִיתוֹ״, ווען א מענטש רעדט אויף ערליכע אידן צדיקי אמת איז עס ווייל ״חִלֵּל בְּרִיתוֹ״, דער מענטש זינדיגט אין גראבע עבירות; אפילו פון אינדרויסן קען מען דאס נישט זען, פארקערט נאך, די וואס רעדן אויף צדיקי אמת זעען אויס פון אינדרויסן ווי כלומר׳ישע פרומע מענטשן וכו׳, דאך זענען זיי פארפוילט פון אינעווייניג. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תענית ז:): ״כָּל אָדָם שֶׁיֵּשׁ לוֹ עַזּוּת פָּנִים, בְּיָדוּעַ שֶׁנִּכְשַׁל בַּעֲבֵרָה״, ווער עס איז אן עזות פנים איז א סימן אז ער איז א בעל עבירה; ווי איז דא א גרעסערע עזות פנים ווי איינער וואס ווייגט זיך צו רעדן אויף צדיקי אמת?!

עס הייבט זיך אן, מען הערט ווי ער מאכט ליצנות קעגן מוהרא״ש, דערנאך טרעפט מען אים טון עבירות ראש השנה אין אומאן וכו׳ וכו׳; אז מען רעדט שוין פון ראש השנה אין אומאן דארף איך זאגן: אין אומאן דארף מען האבן א גרויסע שמירה אויף זיך און די קינדער מען זאל בלייבן הייליג. האט איינער פון אנשי שלומינו אריינגעפרעגט אויב דער ראש ישיבה שליט״א מיינט צו זאגן אז די גוים וואס וואוינען דארט זענען נידריג און שמוציג, האט דער ראש ישיבה שליט״א געזאגט: ניין, איידער קען מען דארט אריינפאלן אין די נעץ פון אידן, השם ישמרינו, דער מענטש איז נישט אינדערהיים אין זיין נארמאלן סדר היום, גייט ער ארום זוכן א קרבן מיט וועמען ער קען זיך באהאלטן טון עבירות רחמנא לצלן וכו׳, דערפאר דארף מען זייער אכטונג געבן אויף זיך און די קינדער מען זאל נישט אריינפאלן אין די הענט פון מניוולים.

א מענטש וואס מאכט זיך יעדן טאג א חשבון הנפש מיט׳ן אייבערשטן: ׳ווער בין איך, וואס האב איך געטון, און וואס באקום איך פון דער רבי׳ – אזא איינער וועט נישט אויסהערן קיין שום ליצנות פון מענטשן, זאלן

זיי זאגן וואס זיי ווילן, אבער איך ווייס וואס איך באקום פונעם רבי'ן, ער לערנט מיר דעם וועג ווי אזוי צו דינען דעם אייבערשטן, און געבט מיר יראת שמים, פון דעם צדיק, דער הייליגער רבי, וועל איך זיך נישט קיינמאל נישט אוועקרירן מיין גאנץ לעבן.

דער הייליגער רבי לערנט מיר ווי אזוי צו לעבן מיט א ווייב. טרעף מיר נאך א צדיק פון צוויי הונדערט יאר צוריק וואס האט גערעדט פון 'שלום בית'; אין גמרא איז דא אסאך מאמרי חז"ל פון שלום בית, ווי צום ביישפיל, חכמינו זכרונם לברכה (כתובות סה.) דערציילן די מעשה וואס האט פאסירט ווען אביי איז נפטר געווארן; אז עס איז געקומען זיין ווייב צו רבא ער זאל איר געבן שפייז פון די פארמעגן וואס איר מאן האט איבערגעלאזט, האט איר רבא געגעבן, האט זי ווייטער געבעטן: "געב מיר אויך וויין", האט רבא איר געענטפערט: "איך ווייס אז אביי פלעגט נישט טרינקען קיין וויין, דערפאר געב איך נישט קיין וויין", האט זי צוריק געזאגט: "איך שווער, אז ער פלעגט מיר געבן וויין אין גרויסע לאנגע כוסות, אזוי גרויס ווי מיין ארעם", און זי האט דערביי זיך אויפעדעקט איר ארעם, ווי נאר עס האט זיך אנטפלעקט איר שיינקייט – דערציילט די גמרא, האט זיך רבא אויפגעשטעלט און אהיים געגאנגען צו זיין ווייב, ער זאל נישט צמוקומען טראכטן פון א פרעמדע פרוי, ווען זיין ווייב איז געוואויר געווארן וואס אביי'ס ווייב האט געטון, איז זי געגאנגען און איר געשלאגן ביז זי האט איר פארטריבן פון שטאט, עיין שם, זעט מען דא אז מען לעבט מיט די ווייב איז מען אפגעהיטן פון שלעכטס. דער הייליגער אור החיים הקדוש אין פרשת תולדות טייטשט מיט דעם וואס שטייט אין פסוק (בראשית כו, ח): "וַיַּשְׁקֵף אֲבִימֶלֶךְ מֶלֶךְ פְּלִשְׁתִּים בְּעַד הַחַלּוֹן וַיַּרְא וְהִנֵּה יִצְחָק מְצַחֵק אֵת רִבְקָה אִשְׁתּוֹ", אבימלך האט געזען יצחק זייענדיג מיט זיין ווייב וכו', עיין שם.

נאך זאגן חכמינו זכרונם לברכה (יבמות סג.): "רַבִּי חִיָּיא הֲוָה קָא מְצַעֲרָא

לֵיהּ דְבִיתְהוּ", רב חייא'ס ווייב פלעגט אים זייער אסאך מצער זיין, מיט דעם אלעם: "כִּי הֲוָה מְשַׁכַּח מִידִי, צַיֵּיר לֵיהּ בְּסוּדְרֵיהּ וּמַיְיתֵי נִיהֲלֵהּ", ווען ער פלעגט זען א גוטע זאך וואס זיין ווייב האט ליב, פלעגט ער דאס אהיים ברענגען פאר איר, האט רב געפרעגט רבי חייא: "איך פארשטיי נישט, פארוואס ברענגסטו איר אייביג אהיים גוטע זאכן, זי איז דאך דיר מצער?!" האט אים רב חייא געענטפערט: "דַּיֵּינוּ שֶׁמְּגַדְּלוֹת בָּנֵינוּ, וּמַצִּילוֹת אוֹתָנוּ מִן הַחֵטְא", מיר איז גענוג אז זי ראטעוועט מיר פון עבירות און זי ציט אויף די קינדער; זעט מען פון דעם ווי שטארק מען דארף אכטונג געבן צו מכבד זיין די ווייב.

נאך זאגן חכמינו זכרונם לברכה (בבא מציעא נט.): רבא האט געזאגט פאר די מענטשן פון שטאט מחוזא: "אוֹקִירוּ לִנְשַׁיְכוּ, כִּי הֵיכִי דְּתִתְעַתְּרוּ", האלט חשוב אייערע ווייבער וועט איר רייך ווערן.

דאס אלעס זענען מאמרי חז"ל, אבער ווי נאך טרעפט מען א צדיק וואס שרייבן אזוי שטארק איבער שלום בית?! נאר דער הייליגער רבי ברענגט אריין אין מיר א וועג ווי אזוי צו לעבן מיט די ווייב, דערפאר אינטערעסירט מיר נישט וואס מענטשן זאגן, אינטערעסירט מיר נישט וואס מענטשן פארקויפן, דער עיקר קוק איך אויף מיר, און איך זע וואס דער רבי געבט מיר.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רבי'ן ווען מיר האבן א שיינע לעבן, אמן.